# א גריס פון
# בית פיגא

פרשת בא

י' שבט תשפ"א

יאר ו גליון 10

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - חילאה זינגער



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז אונז זאלן שוין מאכן א עברי סיום, און ש'כח אייבערשטער אז אונז האבן געהאט די וואך דינסטאג אן עברי סיום, און מיין טיטשער האט געברענגט יאמי סאדע און א סנעק פאר די גאנצע קלאס, ש'כח אייבערשטער!

### ערשטע קלאס - מינדי לעווי



איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין צו אן אייזקרים סטאר האבן יאמי אייזקרים, און מאכן א שיינע הויכע ברכה, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט גיין!

### צווייטע קלאס - פייגי אינדיג



איך וויל שוין זייער לאנג ענדיגן תהלים, איין טאג האב איך געזען אז איך האלט שוין זייער ווייט, האב איך זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען יענע טאג ענדיגן תהלים, און ש'כח אייבערשטער איך האב דעמאלטס געענדיגט תהלים! ש'כח אייבערשטער!

### פערדע קלאס - מרים מיימון



איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשטער אז איך זאל האבן א נייע, שיינע בריפקעיס צו קענען לייגן אלע מיינע זאכן פון סקול, ווייל מיין אלטע איז שוין געווען צוריסן, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב באקומען א שיינע, נייע בריפקעיס!

### עלטסטע קלאס - בלומי פעלדמאן



איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך דארף נייע שבת'דיגע שיך. און איך האב געזאגט פאר די אייבערשטער פונקטליך וויאזוי איך וויל מיין שיך זאל אויסזען, און ס'זאל נישט קאסטן קיין סאך געלט, און ש'כח אייבערשטער אפאר טעג שפעטער האב איך באקומען נייע שיך און עס האט אויסגעזען פונקטליך אזוי ווי איך האב געוואלט, פאר זייער ביליג, ש'כח אייבערשטער!

### בית פיגא ליבערטי - רייזי איידליס




ביי ריסעס האב איך געוואלט טוישן מיט א מיידל מיין סנעק, איך האב איר געפרעגט אויב זי וויל, און ביז דערווייל האב איך געבעטן די אייבערשטער אז זי זאל ווילן, און ש'כח אייבערשטער אז זי האט געוואלט טוישן סנעקס!

## נייעס אין בית פיגא

~ ש'כח אייבערשטער פאר אזא פרייליכע וואך! די וואך זונטאג איז פארגעקומען די הערליכע חתונה פון פראדי שטראה (קאליש), און דינסטאג איז פארגעקומען די חתונה פון שרה'לע פיש (ניימאן), ביי ביידע חתונות האבן די מיידלעך גאר שיין געטאנצן און משמח געווען די כלה!

~ מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב בריינדי פרושינובסקי! מיר זענען אזוי פרייליך פאר דיין שידוך! אלע מיידלעך האבן אזוי שטארק געבעטן אייבערשטער אז עס זאל שוין זיין נאך כלות אין סקול, און אז בריינדי זאל שוין ווערן א כלה, און די אייבערשטער האט געהאלפן!

~ עס איז שוין ענדליך אנגעקומען די לאנג ערווארטעטע שבת, די וואך שבת קודש פרשת בא וועט אי"ה פארקומען די 2'טע שבת התוועדות פאר בית פיגא תלמידות פון איבער די וועלט! ב"ה לעצטע מאל איז עס געלונגען הערליך שיין אלע מיידלעך האבן זייער שטארק הנאה געהאט, מיר זענען אזוי פרייליך און קענען שוין קוים ווארטן פאר שבת!

~ אין די שטעטל סקול ווערט די בעיביסיטינג גרעסער און גרעסער, עס קומען צו נאך בעיביס, די געטרייע בעיביסיטער טיטשער פעסי לייגט אריין אמונה אין די גאר קליינע קינדער, מען צינדט זיי אן ניגונים פון אמונה, און אזוי ווייטער.

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך

ערב שבת קודש פרשת וירא, י״ז מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן פון דיר די אלע שיינע זאכן וואס טוט זיך אין סקול; די מיידלעך לעבן באחדות, עס הערשט נישט קיין אנגעצויגנקייט צווישן די מיידלעך ווער עס קען זיין שענער אנגעטון, נאר מיידלעך קומען מיט געניצטע קליידער. מען שעמט זיך נישט צו קומען אין סקול מיט א מאנטל וואס מען האט באקומען בירושה פון א צווייטן און מען זוכט נישט צו געפעלן מיט די קליידער פאר א צווייטן.

נאך מער פריי איך מיר צו הערן אז אלע מיידלעך שפילן זיך אינאיינעם; **עס פאסט פאר א מיידל צו גיין און קומען מיט אן אנדערע מיידל אפילו זי איז יונגער וכו׳** און מען שפילט מיט אלעמען אינאיינעם.

דו שרייבסט מיר: **״ביי אונז אין סקול איז צניעות א זאך וואס איז ארויפגעקוקט״**; מיט דעם האסטו מיר געגעבן לעבן. ווייל איך וויל זייער שטארק אויפשטעלן א קהילה וואס פירט זיך בצניעות, אז די פרויען און מיידלעך זאלן נישט אנקוקן צניעות ווי א קנס אדער א שטראף וכו׳ נאר קוקן אויף צניעות ווי א שיינע זאך, אן אידעלע זאך און א חשוב׳ע זאך. די געפיל צו צניעות זאל זיין אז יעדעס מאל מען האט א ספק אויף צניעות זאל מען זיך אליינס פסק׳נען לחומרה; צום ביישפיל אויב מען האט א ספק אויף א קלייד צי עס איז א משהו קורץ אדער נישט, זאל מען אליינס מחליט זיין אז מען טוט עס נישט אן; אזוי אויך ביי יעדע זאך.

איך שרייב דיר א שרעקעדיגע זאך וואס מוהרא״ש שרייבט אין א בריוו פאר אלע פרויען (יום ג׳ לסדר וארא, כ״ב טבת, ה׳תשע״ה): ״וַאֲנִי מְאֹד מְאֹד מְבַקֵּשׁ אוֹתָךְ שֶׁתִּתְחַזְּקִי יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּעִנְיָנֵי צְנִיעוּת״, **איך בעט דיר זייער דו זאלסט אכטונג געבן אויף צניעות,** ״כִּי זֶה הַמִּשְׁמָר שֶׁלָּנוּ שֶׁשּׁוֹמֵר אֶת נְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל מִכָּל מִינֵי מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים״, **ווייל ווען מען פירט זיך בצניעות ווערט מען אפגעהיטן פון אלע ביטערע מחלות - השם ישמרינו,** ״וַאֲנִי תּוֹלֶה אֶת מַחֲלַת אִשְׁתִּי תִּחְיֶ׳ [עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם] מִפְּנֵי שֶׁלֹּא עוֹרַרְתִּי אוֹתָךְ יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּעִנְיָנֵי צְנִיעוּת״, איך האלט אז דאס וואס מיין ווייב איז קראנק געווארן מיט די ביטערע מחלה השם ישמרינו קומט מיר ווייל איך האב דיר נישט גענוג מעורר געווען אויף צניעות.

ווען איך האב געליינט דעם בריוו האט מיר געגעבן א ציטער אין מיינע ביינער. איך האב געטראכט צו מיר: ׳ווער האט נאך אזוי סאך מעורר געווען אויף צניעות ווי מוהרא״ש? ׳ ווער עס לערנט אין ׳אשר בנחל׳ די בריוו וואס מוהרא״ש שרייבט פאר אנשי שלומינו און פאר די ווייבער, זעט מען כאטש איין מאל א וואך ווי מוהרא״ש איז מעורר אויף צניעות, מיט דעם אלעם שרייבט מוהרא״ש אז מען דארף נאך מער רעדן פון דעם; **דעריבער אז דו שרייבסט מיר אז ביי אייך אין קלאס ביי די עלצטע כתה איז צניעות א חשוב׳ע זאך פריי איך מיר זייער.**

ווייז די בריוו פאר אלע מיידלעך פון דיין קלאס; זאלן זיי וויסן וואס מוהרא״ש האט געוואלט און וואס איז חשוב ביים אייבערשטן.

# ספר המדות ווינקל

**אות אמונה**

### ב. עַל-יְדֵי עֲנָוָה תִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה.

דורך זיך האלטן קליין קומט מען צו אמונה.

### יד. כְּשֶׁתִּסְתַּכֵּל בַּשָּׁמַיִם כְּשֶׁהֵם זַכִּים וּבְהִירִים, תִּזְכֶּה לֶאֱמוּנַת חֲכָמִים.

ווען דו קוקסט אויף א קלארע הימל, וועסטו זוכה זיין צו גלייבן אין צדיקים.



# א מעשה פון א צדיקת

עס איז אמאל געקומען צו די הייליגע בעל שם טוב א שוועסטער פון די הייליגע צדיק ר׳ יצחק פון דרובהיטש, זי האט געוויינט צו די בעל שם טוב אז זי דארף א שידוך. דער בעל שם טוב האט איר אנגעטראגן זיין באליבטע תלמיד ר׳ נחמן הורידענקער, און אזוי איז די שידוך געשלאסן געווארן.

בשעת די שידוך שליסן האט די בעל שם טוב געפרעגט ר׳ נחמן הורידענקער, ״וואס גייסטו מיך צאלן פאר שדכנות געלט?״ און ער האט גארנישט געענטפערט. האט די בעל שם טוב אליין געזאגט, ״ווען דו וועסט געבוירן א אינגל בעיבי און מיין טאכטער אדל וועט געבוירן א מיידל וועלן מיר זיך משדך זיין.״

נישט צו לאנג שפעטער איז אנגעקומען די פרייליכע טאג, די טאג פון די חתונה. מען האלט שוין נאך די חופה, אבער די חתן איז פארשווינדן געווארן.

די כלה איז געווארן זייער פארלוירן און דערשראקן, זי האט נישט געוואוסט וואס צו טראכטן. זי איז שנעל געלאפן צו די הייליגע בעל שם טוב, און מיט זיין רוח הקודש האט די בעל שם טוב געזען וואו ר׳ נחמן הורידענקער באהאלט זיך, און ער האט שנעל געשיקט איינעם אים רופן. ווען ער איז אנגעקומען האט אים דער בעל שם טוב געפרעגט, ״פארוואס האסטו געטון אזא זאך, איבערלאזן א ווייב גלייך נאך די חופה?״ האט ר׳ נחמן הורידענקער זיך פארענטפערט, ״איך האב געזען מיט רוח הקודש אז מיר וועלן האבן א קינד און גלייך נאכדעם וועט זי שטארבן, און איך האב זייער רחמנות געהאט אויף איר און וועגן דעם בין איך אנטלאפן.״

האט דער בעל שם טוב געשיקט רופן זיין ווייב, און האט איר פארציילט וואס איר מאן האט געזען מיט רוח הקודש, אז זיי וועלן האבן א קינד און נאכדעם וועט זי שטארבן, און וועגן דעם איז ער אנטלאפן. ווען זי האט דאס געהערט האט זיך אנגערופן, ״אויב מיין מאן איז אזא צדיק, ער זעט זאכן וואס גייט פאסירן, דעמאלטס בין איך גרייט צו האבן א קינד מיט אים.״

און אזוי איז טאקע געווען, ער איז אהיימגעגאנגען, און שפעטער האבן זיי טאקע געהאט א אינגל בעיבי, וואס זיי האבן א נאמען געגעבן ״שמחה״. זי האט אבער זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז זי זאל קענען לעבן נאך איין חודש און קענען אביסל זען און הנאה האבן פון איר בעיבי, און דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן און זי האט געלעבט פאר נאך איין חודש און נאכדעם איז זי נפטר געווארן.



איר מאן ר׳ נחמן הורידענקער האט זייער געוויינט נאך איר, און ער האט געזאגט אז אזוי ווי זי האט גע׳פועל׳ט צו לעבן פאר נאך א חודש, וואלט זי געקענט פועל׳ן אינגאנצן צו מבטל זיין די שלעכטע גזירה. ווייל די כח פון תפילה איז אזוי גרויס, זי וואלט אלעס געקענט פועל׳ן.

**לאמיר זיך אויסלערנען פון די מעשה אז מען זאל אלעס בעטן פון די אייבערשטער, נישט קיין חילוק ווי גרויס אדער קליין עס זאל נאר זיין. מען זאל נישט נאר בעטן אויף איין קליינע זאך, נאר מען זאל בעטן אויף אלעס...**

# פון אונזערע לערערינס...

יום ה' בא תשע"ח

**לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי'**

איך האב באקומען דיין בריוו וואו דו באדאנקסט זיך אזוי שיין פאר אלעס. זאלסט וויסן אז דאס איז איינע פון די שענסטע מידות, צו ווייזן הכרת הטוב פאר דער וואס טוט דיך טובות.

דיין מאמע זאגט מיך ווי שטארק דו ברענגסט איר נחת, מיט דיינע גוטע מידות, און דו פארלאנגסט גארנישט, נאר דו זאגסט איר ש'כח פאר וואס זי טוט, דו ביסט איר חיזוק!

געדענק דיין כח אלס איינע פון די "גרויסע מיידלעך" דו קענסט גליקליך מאכן אפילו דיינע אייגענע קלעסמעיטס, מיט א קאמפלימענט אדער אפילו נאר איינעם אריין נעמען אין א שמועס.

אסאך מאל זעה איך א מיידל שטייט און קוקט ווי דו מיט אנדערע מיידלעך שמועסן זאפטיג און זי שעמט זיך אריינצוקומען און נעמען א טייל אין די שמועס, קענסטו געבן נאר א ריק נענטער און איר געבן א פרעג עפעס, און דו האסט זיך איינגעקויפט עולם הבא אזוי גרינג! און פארקערט געב זייער אכטונג נישט צו מאכן קיין דשאוקס אויף אנדערע מיידלעך, ווייל דו קענסט נישט וויסן ווי שטארק זי ווערט געטשעפעט. זי גייט אהיים וויינען, און איר מאמע וויינט מיט. אלעס פון א שטות וואס מען כאפט אפילו נישט אז איינער ווערט באליידיגט דערפון, ווייל זי לאכט אפשר מיט.

מיט ליבשאפט,

## מזל טוב

**פראדי שטראה** (קאליש)

צו איר חתונה!

---

**שרה'לע פיש** (ניימאן)

צו איר חתונה!

---

**בריינדי פרושינובסקי**

צו איר שידוך!

## רעסעפי

**DELICIOUS CRINCKLE COOKIES**



**2 cups flour**

**¾ cup cocoa**

**¾ cup oil**

**4 eggs**

**2 cups sugar**

**2 tsp baking powder**

**2 tsp vanilla sugar**

**Mix all ingredients and freeze for an hour. Roll into balls, Dip into confectioner's sugar, and bake on 350 for 8-10 minutes**

נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!

א גוט שבת!

זמן שבת: 4:47

זמן מוצש"ק: 6:15

קוואל פון חיזוק

212 – 444 – 9169